# צום פינטל

גליון סה
פרשת תצוה תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### לכבוד ולתפארת - קליידער

### תכלית הבגדים

א כהן דארף האבן שיינע קליידער 'לכבוד ולתפארת', צו פארשטיין די מעלה פון 'לכבוד ולתפארת' לאמיר פארשטיין וואס קליידער איז בכלל. 'קליידער' האט צוויי זאכן, קליידער פארדעקט די 'גנאי' פון די גוף, און קליידער ברענגט ארויס די כבוד פון די עצם האדם, די כבוד פון די מענטש אליין א מענטש.

קליידער איז משמש פאר א טאפעלטע באנוץ, אויסער דעם וואס זיי דעקן צו דעם גוף, ברענגען זיי אויך ארויס די כבוד פונעם עצם האדם. יעדער מענטש טראגט מיט זיך א 'כבוד' מצד די עצם זאך אז ער איז א מענטש, אבער די דאזיגע 'כבוד' ווערט פארדעקט דורך די 'גנאי' פונעם גוף, אבער דורך דעם וואס די קליידער פארדעקן דעם גוף, קומט אויטאמאטיש צוריק ארויס די מענטשליכע כבוד, ס'קומט צוריק ארויס די עצם האדם.

דער גוף איז בטבע אומצופרידן, די גוף שפירט זיך נישט, ער דארף א גאנצע צייט די 'חוש המישוש', ער דארף עפעס אנכאפן און פולען, אָן דעם פילט ער אז ער איז נישט קיים בכלל, דער גוף איז א געהעריגע 'נצרך' לכל דבר די גאנצע צייט פון די לעבן פונעם מענטש. וועגען דעם דעקט מען צו די גוף מיט א בגד, מ'פארדעקט די דאזיגע טבע פון שפלות און חרפה (ידוע לשון הרמב"ם במורה 'כי חרפה היא לנו', הובא ברמב"ן ובקדמונים). און דורך דעם וואס די שפלות ווערט פארדעקט, קען גוט ארויסקומען די כבוד פונעם מענטש אליין א מענטש.

דורך דעם וואס די מקומות המכוסים ווערן פארדעקט, דורך דעם קען ארויס קומען די כבוד און די חשיבות פון די מקומות הגלויים, די קאפ און די אלע אנדערע מקומות הגלויים. דורך דעם גופא וואס מ'דעקט צו די מקומות המכוסים, דורך דעם קומט ארויס די חשיבות פון די קאפ און די חשיבות פון די עצם האדם.

### כתנות אור

אין די תורה שטייט 'כתנות עור', מיט א ע"ן, אבער אין די תורה פון ר' מאיר איז געשטאנען 'כתנות אור', מיט א אל"ף (בהיכל הברכה מהקאמארנע מבואר דבדיעבד אם נמצא כתוב בספר תורה 'כתנות אור' באל"ף, אין חיוב לתקן, אבל הקסת ושאר אחרונים חולקים עליו). 'כתנות עור' מיט א ע"ן מיינט א קלייד פון 'עור' צו צודעקען די גוף, צו צודעקען די בושות. און 'כתנות אור' מיט א אל"ף מיינט די כבוד וואס די קליידער ברענגען ארויס, אין קליידער ליגט אסאך מער ווי א פשוטע כיסוי, קליידער ברענגען ארויס די כבוד פונעם עצם האדם.

קליידער איז משמש פאר א טאפעלטע באנוץ, אויסער דעם וואס זיי דעקן צו דעם גוף, ברענגען זיי אויך ארויס די כבוד פונעם עצם האדם

די דאזיגע צוויי חלקים פון בגדים איז דא ביי יעדער יוד, קודם איז דא די אז דער יוד פירט זיך בקדושה און דעקט זיך צו מיט בגדים, און דערנאך קומט אויטאמאטיש די צווייטע חלק, אז די בגדים ברענגען ארויס די כבוד און די חשיבות פון זיין עצם. און דאס איז געווען די 'לכבוד ולתפארת' פון די בגדי כהונה, די בגדי כהן גדול און די בגדי כהן הדיוט, האבן צו געדעקט די גנאי הגוף, און צוזאמען מיט דעם האבן זיי ארויסגעברענגט די חשיבות זייערע, די חשיבות אז זיי זענען כהנים משרתי ה'.

ס'איז מבואר אין מדרש (במדבר רבה ד, ח) אויף די פסוק הנ"ל 'ויעש ה' לאדם כתנות עור וילבישם', אז דער אייבישטער האט זיי אנגעטון מיט 'בגדי כהונה', דא שטייט 'וילבישם' און דארט שטייט 'והלבשתם כתנות'. דער אייבישטער האט זיי אנגעטון מיט די כבוד פון די בגדי כהונה, 'לכבוד ולתפארת'. און אזוי ווי ביי אדם הראשון איז געווען ביידע סארטן בגדים, כתנות עור און כתנות אור, אזוי אויך די בגדי כהונה האבן געהאט אין זיך ביידע חלקים, די 'כיסוי' און די כבוד.

### הבגדים והחברה

אין די וועלט זעט מען אז יעדער סארט חברה פון מענטשן, טוען זיך אָן מיט אנדערע סארט קליידער, יעדער לאנד און יעדער אומה ודת, יעדער האט זיך זיין מהלך פון אנגעטועכץ, להבדיל אויך בקדושה, יעדער קהילה בישראל האט זיך זיין אייגנארטיגע וועג פון זיך אנטון. אויסער דעם וואס בגדים זענען א 'כיסוי' פון קעלט און פון אנדערע זאכן, אויסער דעם האט עס אויך א השתמשות פון כבוד, און נישט נאר פאר א מענטש בפרטות, נאר אויך א 'כבוד כללי' פאר א גאנצע אומה צוזאמען.

געוועהנטליך ביי 'בגדים' גייען עטליכע 'אברים' אריין אונטער איין בגד, בפרט ביי די אויבער בגדים ווי א רעקל בעקיטשע וכדומה, די איינער אויבער בגד נעמט צוזאם אלע אברים אונטער איר שוץ. יעדער 'אבר' פאר זיך האט זיך זיין באזונדערע שפלות, געוואנדן לפי זיין אומצופרידענקייט און ווי שטארק ער איז א 'נצרך', אבער אז מ'דעקט צו די גוף בקדושה, דאן קומען אלע חלקי הגוף זיך צוזאם אונטער איין גרויסע בגד, אונטער איין גרויסע כבוד. די גאנצע גוף ווערט אויפגעהויבן צו איין גרויסע זאך, צו איין כללות'דיגע כבוד, צו די כבוד פון די עצם האדם. די זעסט נישט מער דעם מענטש 'אברים אברים', די זעסט די גאנצע מענטש צוזאמען ווי איין גרויסע מענטש.

די זעלבע זאך איז אויכעט ווען די גאנצע חברה גייט מיט איין סארט 'בגד', דאס מיינט אז די גאנצע אומה איז אונטער איין גרויסע כבוד, אלע גייען אנגעטון די זעלבע וועג, ווי איין גרויסע כבוד וואס הייבט אלעמען צוזאמען, יעדער אדם פרטי אין די אומה, האט זיך זיינע פרטיות'דיגע שוואכקייטן, און דורך דעם וואס מ'גייט מיט די זעלבע בגדים, איז דאס ווי איין גרויסע מענטש אונטער איין גרויסע בגד, ווי איין 'כבוד כללי' וואס הייבט אלעמען צוזאמען.

### בגדים ותכשיטים

ס'איז דא קליידער וואס זענען מער

המשך בעמוד הבא

מיוחד צו צודעקן, און ס'איז דא קליידער וואס זענען מער מיוחד ארויסצוברענגען די כבוד, די 'בגדים תחתונים' זענען מער פאר כיסוי, און די אויבער בגדים זענען מער פאר צו מגלה זיין די כבוד האדם, און די בגדים וואס זענען אינגאנצן פון אויבן, ווי די מאנטל די ראזשוואלקע וכדומה, זיי זענען נאך מער געמאכט פאר כבוד, זיי נעמען צוזאמען אלע חלקים פון די גוף אונטער איין גרויסע מציאות, אונטער די בכבוד'דיגער מציאות דער מציאות האדם (בגד עליון היא 'מקיף' כידוע).

און די בגדים וואס מ'טראגט אויפן קאפ, א קאפל פאר כיסוי הראש, א הוט א שטריימל וכדומה, די אלע זאכן זענען געווענטליך נאכמער לכבוד. אזוווי אין די וואכעדיגע פרשה דריקט זיך די תורה אויס ביי די 'מגבעות' לכבוד ולתפארת, און די משמעות הפסוקים איז אז די 'מגבעות' זענען במיוחד 'לכבוד ולתפארת'. און כל שכן 'תכשיטים' וכדומה וואס זייער גאנצע תכלית איז נאר פאר כבוד, זיי האבן בכלל נישט קיין שום שייכות מיט כיסוי.

ביי די 'בגדי כהונה' איז געווען די 'מכנסים', די אונטער בגדים, וואס זייער 'תכלית' איז געווען פאר כיסוי, ווי די תורה זאגט בפירוש, אז דאס איז די תכלית פון די 'מכנסים', ווי די מפרשים זענען מדייק אז ווען די תורה זאגט 'לכבוד ולתפארת' שטייט נישט אויסגערעכנט די 'מכנסים', ווייל די מכנסים איז נישט פון די בכבוד'דיגע בגדים. אבער אלע אויבער בגדים זענען יא געווען 'לכבוד ולתפארת', די 'כתונת תשבץ', 'מעיל', אפוד וחושן, און די ציץ, וואס כאטש זיי האבן אין זיך אויך די חלק הכיסוי, אבער זיי זענען געמאכט אויף א אופן פון כבוד.

### • 'לכבוד ולתפארת' בבגדים או בכהן

איך האב געזען אין א היינטיגע ספר א אונטערסאנטע לומדישע חקירה, צו 'לכבוד ולתפארת' איז א דין אינעם בגד, די בגדי כהונה דארפן זיין שיין, אדער איז עס א דין אינעם כהן, דער כהן, ער דארף זיין שיין, דאס וואס די בגדים דארפן זיין שיין, איז מכח דעם וואס דער כהן דארף זיין שיין, ס'איז א דין אינעם כהן.

איז בפשטות איז עס א דין אינעם כהן, ווי ס'איז מבואר אין רמב"ן און אין די ראשונים, ווייל די 'כבוד' פון קליידער אליינס איז גארנישט, ווען די קליידער ליגן אין שאנק האבן זיי נישט קיין שום חשיבות, די 'מהות הכבוד' פון קליידער איז נאר ווען זיי זענען מלביש דעם מענטש, זיי ווערן ווי א חלק פון אים, זיי ברענגען ארויס זיין כבוד זעלבסט.

און דאס איז די לשון פון דער רמב"ם (מורה נבוכים חלק ג פרק מה) "דער אייבישטער האט געוואלט אנטון די כהנים שיינע קליידער, בגדי קדש לכבוד ולתפארת, און ער האט זיי באפוילן אז א 'בעל מום' זאל נישט משמש זיין בעבודה, און נישט נאר א 'בעל מום', נאר אויך יעדער מיאוס'ער מענטש זענען פסול ווי ס'איז מבואר אין חז"ל (כעורים). און די רמב"ם איז מבאר אז דאס איז ווייל די המון עם פארשטייט נישט צו א רוחניות'דיגע חשיבות, זיי פארשטייען נאר צו א גשמיות'דיגע חשיבות, צו שלמות אברים און בגדים, און אזוי דארף מען טון כדי ס'זאל זיין א כבוד פאר די בית המקדש.

און מיט דעם וועט מען פארשטיין די הייליגע ווערטער פונעם ספר החינוך (מצוה רעה) דער חינוך איז מאריך אין דעם ענין פונעם רמב"ם, אז דער אייבישטער האט געוואלט אז די כהנים זאלן האבן א חיצוניות'דיגע שיינקייט, כדי זיי זאלן זיין מרוצה פאר די המון עם, נאכדעם לייגט ער צו, אז אויסער דעם איז דא נאך רמזים און ענינים אין דעם, אז דאס העלפט צו פאר די 'דביקות' פונעם פאלק זיך צו מתדבק זיין צום כהן, און ס'וויכטיג אז דער כהן זאל אלעמאל האבן די זעלבע צורה, אזוי זאלן די מחשבות פון די המון עם זיך קענען גרינגער מדבק זיין צו אים. (שיש בשלימות צורתו רמז וכו', שמתוך מחשבות האדם בהן, תטהר נפשו ותתעלה, ולכן אין ראוי בשום צד שיהיה בו שינוי וצורה וכו').

די כבוד פון די קליידער איז די כבוד פונעם כהן זעלבסט, דער כהן טאר נישט האבן קיין 'מום', ער טאר נישט זיין קיין 'מכוער', ער דארף זיין גאנץ אין זיינע אברים, די זעלבע זאך דארפן אויך זיינע קליידער זיין שיין, כדי די קליידער זאלן צוהעלפן גוט ארויס ברענגען די שיינקייט פונעם כהן זעלבסט.

### • בגדים בטלים לאדם הלובש

קליידער זענען נישט קיין עקסטערע זאך פאר זיך, קליידער ווערן 'בטל' צו דער מענטש, די 'כבוד' וואס די קליידער ברענגען ארויס זענען תלוי אין דער מענטש, א מענטש מיט א בכבוד'דיגע שיינע אויסזעהן, וועלן די קליידער העלפן ארויס ברענגען כבוד, און א מענטש מיט נישט קיין שיינע אויסזעהן, וועלן די קליידער אפשר קענען מאכן אביסל שענער, אבער זיי קענען נישט נעמען א מיאוס'ער מענטש און אים מאכן שיין, קליידער קענען נאר מיט גיין, זיי קענען העלפן אביסל פארדעקן, העלפן אביסל בעסער ארויס ברענגען דאס וואס ער זעלבסט איז.

א 'הויז' (בית) איז געמאכט צו באשיצן דעם מענטש, און אויך א 'בגד' איז געמאכט צו באשיצן דעם מענטש, ס'איז אבער דא א גרויסע חילוק צווישן זיי, א הויז באשיצט דעם מענטש פון דערוויטנס, און קליידער באשיצט דעם מענטש פון דערנאנט, קליידער ווערט ווי א חלק פון אים זעלבסט. קליידער זענען מתאר דעם מענטש גופא, ווי דער מענטש גייט, גייט ער מיט זיינע קליידער, זיי ווערן ווי א חלק פון זיין צורה, זיי גייען מיט מיט אים איבראל.

ממילא פארשטייט מען אסאך בעסער די חקירה צו די בגדי כהונה איז א דין אין די קליידער, אדער ס'איז א דין אינעם כהן, לויט ווי געשמועסט איז עס זוכער א דין אינעם כהן, ווייל די קליידער כשלעצמם זענען גארנישט, די גאנצע כבוד וואס זיי געבן איז נאר ווען זיי זענען מתאר דעם מענטש, איז זוכער איז דאס איז די תכלית פון די מצוה פון 'לכבוד ולתפארת' אז די כהנים זעלבסט זאלן זיין שיין, און דאס איז דורך דעם וואס מ'וועט זיי מאכן שיינע קליידער.

ס'איז מבואר אין הלכות שבת (סימן שא) אז א מענטש טוט זיך אן מיט א קופה, מיט א באָקס, הייסט דאס נישט קיין בגד און מ'טאר נישט אזוי ארויס גיין שבת אין רשות הרבים. די גדר פון א 'בגד' איז ווען ס'קומט פון א ווייכע מאטריאל וואס ווערט שטארק מתבטל צום מענטש, א מאטריאל וואס איז מתאר דעם מענטש און ווערט ווי א חלק פון אים זעלבסט, וואס דאס איז נישט דא ווען ער טוט זיך אָן מיט א באקס. כאטש וואס א באַקס באשיצט דעם מענטש פון רעגן וכדומה, אבער היות א באקס האט נישט די חלק ה'כבוד' וואס א בגד דארף האבן, דער באַקס איז נישט מתאר גוט דעם מענטש, קען דער באַקס נישט באקומען א דין בגד און מ'טאר נישט ארויסגיין מיט דעם שבת קודש.

## כזה ראה וקדש

פרשת תצוה, מ'לערנט אין די פרשיות די 'מלאכת המשכן', געוועונטליך לערנט מען די פרשיות מיט בילדער, איז לאמיר כאפן א שמועס פון די מעלה פון לערנען מיט בילדער, 'כזה ראה וקדש', ווי סאך דאס פארגרינגערט די לערנען, און ווי וויכטיג דאס איז היינטיגע צייטן. אויך וויאזוי מ'איז ממחיש א ענין, וויאזוי איז מען מצייר א ענין מיט אלע פרטים אז ס'זאל זיך שפירן ממש ווי לעבעדיג, ווי מ'וואלט עס ווען געזען מיט די אויגן.

באמת זענען בילדער נישט קיין נייע זאך, בילדער זענען שוין גאר אלט, משה רבינו האט אלעס געלערנט מיט בילדער, ווי די פסוק זאגט 'וראה ועשה כתבניתם', און די גמרא זאגט (מנחות כט ע"א) אז דער אייבשטער האט געוויזן פאר משה רבינו די ארון שלחן ומנורה, 'וראה ועשה כתבניתם', דער אייבישטער האט געוויזן פאר משה רבינו א 'בלאו פרינט' כביכול וויאזוי אלעס דארף אויסקוקן. אויך האט אים דער אייבישטער געוויזען די חידוש הלבנה, 'כזה ראה וקדש', די אייבישטער האט אים געוויזען די שרצים, 'וזה לכם הטמא', אויך הלכות שחיטה, ווי די פסוק זאגט 'וזה אשר תעשה', אויך 'מחצית השקל' האט אים דער אייבישטער געוויזן, ווי די פסוק זאגט 'וזה יתנו' (תוס' שם). אויך די 'שמן המשחה' האט דער אייבישטער געוויזן, ווי די פסוק זאגט 'שמן משחת קודש זה לי' (מדרש רבה בא פרשה טו).

'זה' מיינט אז די זאך ליגט פאר די אויגן, מ'ווייזט עס מיט א קלארקייט און א פונקטליכקייט 'זה'. ווען מ'וויל מסביר זיין א זאך, מ'קען רעדן און רעדן מיט פארשידענע ווערטער, מ'איז מסביר אויף אלע סארט וועגן, אבער אויב מ'האט די פונקטליכע ווארט, די שארפע הגדרה, דאן פעלט נישט אויס די אלע ווערטער ארום ארום. 'טבא חדא פלפלי חריפתא ממלא צני קרא' (חגיגה דף י ע"א), ס'איז בעסער איין שארפע און ריכטיגע הגדרה, וואס כאפט אָן די זאך ביים קארג מיט די גאנצע שארפקייט, מער פעלט שוין גארנישט אויס.

א בילד איז אויך אזוי, א בילד כאפט אן די זאך ביים קאַרג, "כזה", די זאך שטייט קלאר און שארף פאר די אויגן.

**א בילד כאפט אן די זאך ביים קאַרג, "כזה", די זאך שטייט קלאר און שארף פאר די אויגן**

## חוש השמיעה והראייה

א מענטש וואס האט נישט די חוש השמיעה ווערט אנגערופן א 'חרש' א 'שוטה', די 'חוש השמיעה' געט פארן מענטש די 'דעת', א 'סומא' וואס האט נישט די 'חוש הראיה', ווערט פארעכנט ווי א טויטער, 'סומא חשוב כמת', די חוש הראיה איז מחבר דעם מענטש צו די וועלט, און אָן דעם איז דער מענטש ווי א טויטער. א 'חרש' איז נישט בגדר 'בר דעת' און א 'סומא' איז יא בגדר 'בר דעת', אבער פון די אנדערע זייט א 'סומא' זעט נישט די וועלט, ער איז א לעבעדיגער טויטער, ער האט טאקע 'דעת', אבער ער איז נישט קאנעקטעט מיט די וועלט, 'סומא חשוב כמת'.

ביים לערנען נוצט א גאנצע צייט די צוויי חושים, די חוש השמיעה און די חוש הראיה, די חוש השמיעה נוצט מען פאר 'דעת', און די חוש הראיה נוצט מען צו ווערן מחובר, אָן די חוש הראיה איז דער מענטש ווי א טויטער, אָן די חוש הראיה האט די לערנען נישט קיין חיות. בילדער העלפן דעם מענטש צום לערנען, בילדער זענען מחבר דעם מענטש צו וואס ער לערנט, די בילדער מאכן די זאך לעבעדיג, די בילדער זענען מחבר און ברענגן די לערנען צו די מציאות און צו די עולם המעשה.

א בחור זאגט מיר אז מסכת כתובות איז א לומדישע מסכת, און מסכת פסחים איז נישט אזוי לומדיש, האב איך אים מסביר געווען אז לומדות איז א וועג וויאזוי מ'טראכט, לומדות איז ווען מ'זעט א זאך אויף א אופן פון 'מושגים' און 'הגיון', נישט דורך די פאקטישע מציאות, ממילא איז מוכרח אז 'לומדות' איז שייך אין יעדער סוגיא, און נישט נאר אין יעדער סוגיא נאר אפילו אין יעדער זאך אויף דער וועלט, אלעס קען מען אנקוקן מיט א לומדישע בליק. ממילא איז אודאי נישט שייך צו זאגן אז כתובות איז לומדיש, און מסכת פסחים איז נישט לומדיש, יעדער זאך קען זיין לומדיש.

נאר דאס וואס כתובות פילט זיך מער לומדיש ווי פסחים, דאס איז איז ווייל פסחים איז מער למעשה'דיג, די מושגים און די ענינים פון פסחים זענען למעשה'דיגע ענינים, ענינים וואס זענען מציור אין קאפ, יעדער מענטש האט בילדער פון יום טוב פסח אין זיין קאפ, ממילא פאלט שטארק אוועק די חלק הלומדות, מ'דארף נישט די חלק הלומדות צו ווערן מחובר, מ'איז מחובר דורך די בילדער און די ציורים וואס מ'האט אין קאפ. אבער מסכת כתובות וואס די למעשה איז נישט אזוי שטארק, די האסט נישט קיין בילדער פון דעם אין דיין קאפ, די זעסט נישט די ענינים פון כתובות פאר דיינע אויגן, ממילא דארטן האט די לומדית א שטערקערע מקום.

## תמונות כהיום

דער הייליגער רמב"ם שרייבט אז ער האט זיך גענומען צו שרייבן די פערצן חלקים רמב"ם אז ס'זאל נישט זיין קיין חילול השם, מ'זאל נישט זאגן אז די גוישע ביכער זענען מער מסודר ווי די הייליגע תורה חס ושלום, וועגן דעם האט ער זיך אוועקגעגעבן צו שרייבן דעם רמב"ם אז די תורה הקדושה זאל זיין שיין און מסודר, ס'זאל זיין א קידוש השם.

היינטיגע צייטן איז בילדער פון די שטערקסטע זאכן אין 'עולם החולין', אלעס זעט מען כמעט ווי 'לייוו' דורעך בילדער, ווי א ידיעה אדער אפילו ווי א ראיה ווי ס'איז באקאנט ביי די לומדי חושן משפט. למשל 'עדווערטייזמענט' גייט אלעס מיט שטארקע ציענדיגע בילדער, בילדער וואס זענען מקרב צו די

המשך בעמוד הבא

'עולם החולין', בילדער וואס שלעפן אז די פילסט ווי די גייסט אָט אָט טון די זאך למעשה, די גייסט פאלגן וואס די בילד זאגט, איז 'לא תהא כהנת כפונדקית', כל שכן אז די תורה הקדושה דארף זיין מיט בילדער וואס זאלן מקרב זיין מיט אלע כוחות צו די תורה הקדושה, אויב נישט קען דאס חס ושלום זיין א 'חילול השם', וואס ווען מענטשן זאגן, אין די 'עולם החולין' איז דא געשמאקע בילדער, און אין תורה הקדושה נישט.

די עולם הקדושה דארף זיך לערנען פון די עולם החולין, ווי נאנט א בילד ברענגט, ווי נאנט ס'ברענגט לידי מעשה. אז די האסט געזען אויף די בילד ווי מענטשן עסן אין א רעסטעראנט, פילסטו ווי די ביסט שוין ממש דארט, איז כל שכן בקדושה דארף זיין צוענדיגע בילדער וואס זאלן דיך אריינשלעפן מיט די גאנצע קראפט אין קדושה.

געוויסע מקצועות זענען די בילדער מער באקאנט, ווי משניות סוכה עירובין וכדומה, אויך משניות מסכת מידות איז שטארק באקאנט מיט די בילדער, די צורת בית המקדש הראשון השני והשלישי שיבנה במהרה, אויך מסכת ראש השנה די ענינים פון די כוכבים ומזלות (דמות של לבנה היה לו לרבן גמליאל), און אויך אלע ענינים וואס האבן מיט 'מפות' צו טון, צו ס'זאל זיין די 'מפות' פון ארץ ישראל און די ארום, 'מפות' פון די יודן אין מדבר, אין אלע ענינים פון 'מפות' זענען די בילדער א שטארקע ארטיקעל.

אויך די 'משכן וכליו' אין אונזער פרשת תרומה תצוה, גייט דורך בילדער, אונז זעמיר אויפגעוואקסן מיט די בילדער אין די בעק פון די חומש, די בילדער זענען געווארן א חלק פון אונזערע מציאות, קיינער פון אונז דארף זיך נישט מוטשענען אויף די צרה פון די 'משכן וכליו', די בילדער שטייען נאך פאר די אויגן, זיי זענען איינגעקריצט ביי אונז פאר א מציאות חי, די בילדער האבן אוועקגעשטעלט פאר אונז די משכן וכליו פאר א טרוקענע פאקט, און אלעס וואס מ'לערנט פארט פון זיך אליינס על סמך די בילדער (אונז קענען זיך נישט פארשטעלן ווי שווער ס'וואלט געווען די לימוד פון די משכן וכליו אָן די אלע בילדער).

דורך 'בילדער' ווערט א ענין 'פשוט', דער מענטש זעט די גאנצע ענין אויף איינמאל מיט א קלארקייט און מיט א פשוט'קייט כמו שהיא, די לימוד בלייבט נישט אין 'חוש השמיעה', ווי א רוחניות'דיגע און ווייטע ענין, די לימוד קומט אראָפּ אין חוש הראייה אריין, און ווערט א גשמיות'דיגע און מציאות'דיגע זאך. דורך 'בילדער' איז די לימוד נישט צושטיקעלט אויף 'פרטי פרטים', דורך די בילדער זעט מען אלעס אויף איינמאל, אלעס קומט זיך צוזאם אין איין גרויסע בילד. (די טבע פון 'חוש הראייה' איז צו זען א גאנצע בילד אויף איינמאל, און די 'חוש השמיעה' האט די טבע אריינצונעמען נאך א פרט און נאך א פרט, וועגן דעם איז די 'חוש הראיה' אסאך שנעלער, די 'חוש הראייה' זעט אסאך שנעלער ווי די 'חוש השמיעה' כידוע).

## לצייר עד פרט האחרון

וואס טוט מען אז מען האט נישט קיין מציאות'דיגע בילד, נישט געזארגט, די מוח האט א כח מצייר צו זיין א זאך כאילו ווי א בילד, די מוח האט א כח אזוי ווי - AI - די מוח קען אליינס פאבריצירן א בילד, דורכן אויסשמועסן די זאך לפרטי פרטים עד פרט האחרון, אלעס קען מען מצייר זיין אין די מוח ארום און ארום א נקודה, און דאן ווערט דאס אין קאפ ווי א בילד.

במציאות קען א מענטש נישט מצייר זיין א זאך ממש עד פרט האחרון, ווען ער זעט עס עכט למעשה אדער על כל פנים אויף א בילד, דעמאלטס כאפט ער ערשט ווי סאך ער האט פארפעלט, מ'קען רעדן און רעדן, און ווען מ'זעט א בילד, געט אלעס א קום אריין אין פלאץ, אלעס ווערט קלאר עד פרט האחרון, אלעס ווערט נאנט און קרוב אויף איינמאל. איז אודאי אז ס'איז נישט מעגליך פאר די מוח מצייר צו זיין אלעס אליינס עד פרט האחרון, אבער ווי מער ס'איז מציור אין קאפ, איז די בילד קלארער און פונקטליכער.

די ספרים הקדושים רעדן אסאך פון האבן 'אמונה ובטחון חושית', די אמונה ובטחון זאל זיך שפירן אין די חושים, ס'זאל זיך שפירן אין די טאג טעגליכע לעבן, די וואנט די פלאר די טיש און די בענקל, אין אלעס זאל זיך שפירן אז דאס איז חיות השם, זאלסט פילען כאילו די זעסט די אמונה ממש 'בראייה חושית'. וואס דאס האט א שייכות צו אונזער ענין, אז דער מענטש זאל קענען מצייר זיין ציורים אין מוח ממש ווי בילדער, זיין אמונה ובטחון זאל נישט זיין נאר מיט די 'חוש השמיעה' ווי א ווייטע רוחניות'דיגע זאך, נאר ס'זאל אויך אראפ קומען אין 'חוש הראיה', ס'זאל זיין א מציאות'דיגע זאך וואס מ'קען זען מיט די פליישיג אויגן, דאס הייסט אז אלעס וואס מ'זעט מיט די פליישיגע אויגן, זאל מען עס פילען ווי דאס איז חיות השם.

נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה

לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559
אויף אידיש 1,
1. שיעורים מהתקופה האחרונה | 2. שיעורים | 3. דיבאטעס | 4. יום יומי שיעורים | 5. על הפרשה | 6. משנה וגמרא | 7. הלכה | 8. מוסר וחסידות |
9. סיפורי צדיקים | 10. אינטערסאנטע טאפיקס | 11. שבת | 12. מועדים | 13. נשואין | 14. פארברענגען | 15. מדרש | 16. סליידס (שקופיות) | 17. מצגות
אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com

עיצוב: י.ב. 8477-413-50-972+